**פיין וועלי ריהעב: גאָר געטרייע דאָקטוירים פאַרזיכערן די בעסטע באַהאַנדלונגען**

פיין וועלי ריהעב – אין צוגאָב צו די באַרימטע טעראַפּי שטאַב אינעם פיין וועלי ריהעב צענטער - וועלכע געפינט זיך צופיסנס פון די היימישע שיכון סקווירא און ווערט באַנוצט דורך אַ גרויסע צאָל היימישע אידן וועלכע נויטיגן זיך אין ריהעב - צייכנט זיך אויס דער ריהעב צענטער מיט אַן אויסערגעוועהנליכע סטעף פון נוירסעס, דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן, וועלכע באַאָבאַכטען די מיטגלידער'ס געזונט צושטאַנד און שטעלן צו די בעסטע געזונטהייט סערוויסעס צו פאַרזיכערן אַז יעדער ערהאַלט די בעסטע און שנעלסטע באַדינונגען צו ערמעגליכן אַ שנעלע און גוטע ערהוילונג.

די וואָס נויטיגן זיך אין ריהעב זענען געוועהנליך אָנגעוויזן אין אַ רייע געזונטהייט באַדינונגען צו פאַרזיכערן זייער ערהוילונג. מאַנכע האַלטן נאָך אַ שווערע קרענק - ווי אַ סטראָוק, האַרץ אַטאַקע, האַרץ אָפּעראַציע, אָדער עקסידענט חלילה – ווען מ'איז אָנגעוויזן אין אַ געניטע אויפזיכט פון דאָקטוירים צו פאַרזיכערן אַז די ערהוילונג גייט ווי עס דאַרף צו זיין און עס קומען חלילה נישט אונטער קיין קאָמפּליקאַציע וכדומה.

אפילו די וואָס גייען דורך לייכטערע פּראָצעדורן, ווי אַ קני, היפּ רעפּלעיסמענט א.ד.ג., דאַרפן אויך זיין אונטער אַ ספּעציעלע אויפזיכט, צו באַהאַנדלען מעגליכע יסורים, נאָך-אָפּעראַציע אינפעקציעס און נאָך.

אין פיין וועלי געניסן די באַטרעפנדע פון די געוואַלדיגע סערוויסעס פון די צוויי גרויסע מומחים, דאָקטאָר שאַרמאַ און זיין זון, וועלכע זענען ספּעציעל געלערנטע דזשיעטרישענס און זענען ערפאַרן ווי אַזוי צו באַהאַנדלען און באַדינען אַזעלכע פעלער, און שטייען אויף דער וואַך צו פאַרמיידן מעגליך שעדליכע אַנטוויקלונגען.

איינע פון די שוועריקייטן אין וואָס ריהעב קליענטן שטויסן זיך אָן, איז דאָס וואָס זיי גייען אַריבער צו אַ נייעם דאָקטאָר וואָס איז נישט באַהאַוועגט מיט זייער געזונטהייט מצב א.ד.ג. ווי אויך איז

אָפּט אַ פּראָבלעם דאָס וואָס די פּאַרשידענע אָפּטיילונגען אַרבעטן נישט אינאיינעם. אָבער דער יונגערער דאָקטאָר שאַרמאַ עקלערט אונז אַז זייער גרופּע לייגט אַ גרויס געוויכט אויף "קאָנטיוניטי אָוו קעיר" – אין אידישן איבערטייטש קען עס געזאָגט ווערן אַלס "פּאָרזעצנדע באַהאַנדלונגען."

שוין אָפּגערעדט אַז די דאָקטוירים פּאַרזיכערן אַז אַלעס אינעם צענטער אַרבעט אינאיינעם און אין איין סטראַטעגיע צו פּאַרזיכערן די מיטגלידער'ס ערהוילונג, און ביי יעדן באַשלוס ווערט אַריינגענומען אין חשבון דער גאַנצער בילד. ווען מען שטעלט אויס די טעראַפּי פּלענער, נעמט מען אויך אין באַטראַכט דעם באַטרעפנדן'ס געזונטהייט צושטאַנד, צי ער האָט יסורים, כוחות א.ד.ג. אַזוי אַרום ווערט אויסגעשטעלט אַ פולקאָמע סטראַטעגיע מיט וואָס יעדער אַרבעט, און נישט יעדער מאַכט שבת פאַר זיך.

דאָס אַרבעטן אינאיינעם און אַריינעמען דעם באַטרעפנדן'ס אונטערשטע שורה, ברענגט געוואַלדיגע רעזולטאַטן אין דעם באַטרעפנדן'ס געזונט מצב, ערהוילונג, צוריקקומען צו די כוחות, און שנעל צוריקברענגן יענעם צו די פיזישע מעגליכקייטן.

דאָס זעלבע ווען עס קומט צו די געזונטהייט באַדינונגען, באַגענוגענט זיך נישט דאָקטאָר שאַרמאַ מיטן איבערגיין די אַלגעמיינע פראַגעס וואָס מען דאַרף אַריינפילן אין טשאַרט. ער מאַכט זיכער אַז ער איז טאַקע באַקאַנט מיטן באַטרעפנדן'ס מעדיצינישע היסטאָריע, און באַדינונגען אין וואָס ער איז אָנגעוויזן.

ווען עס איז נויטיג צו פּאַרזיכערן אַז די מיטגלידער ווערן ריכטיג באַדינט, וועלן די שאַרמאַס אויך זיין אין פּאַרבינדונג מיט די באַטרעפנדע'ס פּריוואַטע דאָקטוירים און זייער פאַמיליע, זיך דורכצורעדן וועגן דעם מצב פון די מיטגלידער און פּאַרזיכערן אַז זיי ערהאַלטן די נויטיגע סערוויסעס און מעדיצינען, ווילאַנג די באַטרעפנדע גייען אַרויס פונעם צענטער און גיין צוריק געניסן פון די באַהאַנדלונגען פון זייער געווענליכע דזשענעראַל דאָקטאָר.

די דאָקטוירים זענען טעגליך אינעם צענטער, און באַאָבאַכטען די מיטגלידער ווי אָפט עס איז נאָר נויטיג. זיי געפינען זיך דאָרט ספּעציעל אין די געוועגליכע ביזנעס שטונדען - אַנדערש ווי אין אַסאַך אַנדערע ערטער וואָס די דאָקטוירים קומען ביינאַכט - וואָס העלפט די פאַמיליע מיטגלידער וועלכע קומען באַזוכן זייערע נאָנטע צו קענען זיך דורכרעדן מיט די דאָקטוירים וואָס זייערע נאָנטע מאַכן, אויפברענגן זייערע פאַרלאַנגן און מעגליכע זאָרגן, און פאַרזיכערן אַז זיי באַקומען די בעסטע באַדינונגען. ווי אויך זענען די דאָקטוירים שטענדיג "אָן-קאָל", און סיי וואָס עס מאַכט זיך זענען זיי זאָפאָרט גרייט אַריבער צו קומען.

ווען עס מאַכט זיך אַ סיבה צוליב וואָס מען דאַרף אַריינגיין אין שפּיטאָל, פאַרזיכערן די דאָקטוירים אַז די באַהאַנדלונגען זענען צוגעפּאַסט צום באַטרעפנדן'ס מצב. אין סיי וועלכע שפּיטאָל אין די קאַונטי עס ווערט אָפּגעפירט איינער פון די פיין וועלי ריהעב מיטגלידער, וועלן די דאָקטוירים יענעם באַזוכן יעדן טאָג זיך אומצוקוקן אויף די באַהאַנדלונגען און זיכער מאַכן אַז מען טוט דאָס בעסטע יענעם צו היילן, די באַהאַנדלונגען שטימען מיט יענעם'ס געזונטהייט מצב. איבערהויפּט וועלן זיי וועלן מאַכן זיכער אַז ווי נאָר דער באַטרעפנדער איז גרייט זאָל ער פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און צוריקקומען אין צענטער, כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט און מען זאָל וואָס פריער פאָרזעצן די טעראַפּי, כדי צו מ'זאָל נישט צוריקפאַלן פון די ערהוילונג פאָרשריט וואָס מען האָט שוין געמאַכט.

די צוויי דאָקטוירים פּראַקטיצירן דאָקטאָריי אין די צוויי לאָקאַלע שפּיטעלער, וועסט נייעק און סאָפערן, וואו זיי זענען נאָנט מיט די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. ווען איינער פון די פיין וועלי ריהעב צענטער מיטגלידער ווערט אַהין אַריינגעפירט, שטייען זיי אויף דער וואַך מיט זייערע ספּעציעלע פאַרבינדונגען אַז די באַטרעפנדע זאָלן באַקומען שנעלע און גוטע באַדינונגען. מען מאַכט זיכער אַז דער באַטרעפנדער ווערט זאָפאָרט עקזאַמינירט, און גאָר אָפט ערלעדיגן זיי אַז דער באַטרעפנדער זאָלן ערהאַלטן עקס. רעיס און אַנדערע ספּעציעלע טעסטס אָן וואָס מ'זאָל דאַרפן איינגעשריבן ווערן אין שפּיטאָל.

די פּראָפעסיענאַלע איבערגעגעבענע באַדינונגען ברענגן טאַקע אויסערגעוויינליכע רעזולטאַטן. אָנגעשטעלטע אין די עמוירדזשענסי רומס פון די צוויי דערמאַנטע שפּיטעלער האָבן אין עטליכע פעלער געזאָגט מיט שטוינונג אַז פיין וועלי ריהעב האָט אַ פיל העכערע ערהוילונג ראַטע פון ענליכע צענטערן אין די אומגעגנט.